**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/30/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ווירטואלע 'ענדיגן די עפידעמיע סאָמיט' צו ארויסווייזן ניו יארק סטעיט'ס HIV אפרוף באמיאונגען**

***צייכנט אפ 40 יאר זינט ערשטע פאל פון AIDS איז אידענטיפיצירט געווארן***

***ניו יארק סטעיט האט ערפאלגרייך פארשטייטערט נייע HIV אינפעקציעס און דיאגנאזעס***

***סטעיט פארעפענטליכט ענדיגן די עפידעמיע (ETE) [ביילאגע באריכט]***

***באנייטע פארפליכטונג צו ענדיגן די HIV עפידעמיע ביז 2024***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק'ס זעקסטע "ענדיגן די עפידעמיע (Ending the Epidemic, ETE) סאָמיט" וועט אפגעהאלטן ווערן אויף א ווירטואלע פארנעם אום נאוועמבער 30, 2021 ביז דעצעמבער 2, 2021, אויפן זעלבן טאג פון די אלוועלטליכע AIDS טאג אום דעצעמבער 1. די היי יאריגע אלוועלטליכע AIDS טעג איז באזונדערס וויכטיג, וויבאלד יוני 5 צייכנט אפ 40 יאר זינט די ערשטע אפיציעלע באריכט אין די CDC'ס קרענק און טויטליכקייט וועכענטליכע באריכט (Morbidity and Mortality Weekly Report, MMWR) פון פינף פעלער, שילדערנדיג דאס וואס איז שפעטער באקאנט געווארן אלץ עקווייערד אימיון דיפישענסי סינדראם (Acquired Immune Deficiency Syndrome, AIDS).

"אין לויף פון די לעצטע פערציג יאר האבן ניו יארק סטעיט'ס מידלאזע באמיאונגען צו אויפקלערן מענטשן איבער HIV פארשפרייטונג און צושטעלן טראנספארמאטיווע סטראטעגיעס פאר צוטריט צו באהאנדלונג געברענגט רעזולטאטן, פארשטייטערנדיג נייע אינפעקציעס און דיאגנאזעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היי יאריגע 'ענדיגן די עפידעמיע סאָמיט' איז א צייט צוריקצוקוקן סיי אויף די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט און סיי אויף די שוועריגקייטן וועלכע זענען נאך אין פארנט פון אונז, און עס איז א צייט זיך צוריק צו מחזק זיין מיט אונזער געמיינזאמע ציהל צו ענדיגן די AIDS פאנדעמיע ביז 2024."

די היי יאריגע ETE סאָמיט טעמע איז "איבערקומען פאנדעמיעס: ETE און קאוויד-19", מיט די טיטל: "פון די ערד ארויף: 40 יאר פון פובליק געזונטהייט", מיט סאָמיט געשעענישן פארשטעלנדיג די ארבעט וואס ווערט געטוהן דורך פראפעסיאנאלן און דורך קאמיוניטיס איבערן סטעיט. די ETE סאָמיט וועט מיטטיילן ציפערן איבער HIV אין 2020 און עס וועט פארשטעלן די סטראטעגיעס וואס ניו יארק האט אונטערגענומען צו אדרעסירן שוועריגקייטן וועלכע זענען אנגעגאנגען דורכאויס די HIV עפידעמיע און זענען פארערגערט געווארן דורך די קאוויד-19 פאנדעמיע.

"אזוי ווי מיר קוקן צוריק אויף צענדליגע יארן פון פארשונג וואס האט אונז ערמעגליכט צו מאכן איינדרוקספולע פארשריט אין די קאמף קעגן HIV און AIDS, זעצן מיר פאר צו באלאנסירן די באמיאונגען מיט אומפאראויסגעזעהענע פובליק געזונטהייט עמערדזשענסיס ווי די קאוויד-19

פאנדעמיע", **האט ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו העלט צייטווייליגע עקזעקיוטיוו דעפּיוטי קאמישאנער קריסטין פראַוד געזאגט.** "דורכאויס נייע שווערינקייטן, וועט ניו יארק סטעיט פארזעצן צו נאכפאלגן איר לאנג-טערמיניגע ציהל צו מאכן "אומאויפכאפבאר = אומפארשפרייטבאר" און פארזיכערן אז מענטשן באקומען די קעיר וואס זיי דארפן צו לעבן לענגערע און געזונטערע לעבנס."

צוריק דרייען קאוויד'ס ווירקונגען אויף ניו יארק סטעיט'ס ETE באמיאונגען און העלפן קאמיוניטיס עררייכן יושר'דיגע תוצאות פאר אלע באפעלקערונגען פארלאנגט א נייע פלאן און זיך ווידער פארפליכטן צו ערפאלגרייכע באמיאונגען. דערפאר טוט ניו יארק סטעיט פארלענגערן איר ETE פלאן און פארפליכטעט זיך צו ערגרייכן די ציהלן פון ETE און ענדיגן די HIV עפידעמיע ביז סוף 2024, מיט די פארשריט מעסטנדע ETE ציפערן פארעפענטליכט ביז דעצעמבער 2025. געזונטהייט גלייכקייט, געזעלשאפטליכע פאקטארן פון געזונטהייט און אדרעסירן ראסישע אומגלייכקייטן וועלן זיין אין די צענטער פון אונזער קאנצענטרירונג אזוי ווי מיר רוקן זיך פאראויס.

**סטעיט סענאטאר גוסטאַוואָ ריווערא האט געזאגט,** "יעדע אלוועלטליכע AIDS טאג דארף דינען אלץ א מאכטפולע דערמאנונג פון ווי וויט מיר זענען שוין אנגעקומען אלץ א סטעיט אין אונזער קאמף קעגן אן עפידעמיע וואס האט אפעקאסט די לעבנס פון צופיל ניו יארקער. איך טוה אפלאדירן גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פארן ווידעראמאל אפהאלטן די ETE סאָמיט צו זיכער מאכן אז מיר קומען אויף מיט די פּאליסיס וועלכע וועלן פארמיידן נייע אינפעקציעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר די וועלכע לעבן מיט די קראנקייט, באזונדערס אין מינאריטעט קאמיוניטיס וועלכע זעצן פאר צו ווערן באטראפן פון HIV מער פון אנדערע."

**אסעמבלי מיטגליד ריטשארד גאָטפריעד האט געזאגט,** "די אלוועלטליכע AIDS טאג איז א רוף צו אקציע אין די גלאבאלע קאמף קעגן HIV/AIDS, און ניו יארק זעצט פאר צו זיין א מוסטער פאר גוטע פובליק געזונטהייט פּאליסי. מיר זענען אויף א וועג צו ענדיגן די HIV עפידעמיע אין אונזער לעבן. אויב מיר קענען ארבעטן מיט קאמיוניטיס, פארברייטערן צוטריט צו קעיר און זיכער מאכן אז מענטשן קענען זיך ערלויבן מעדיצין און האוזינג, קענען מיר באזיגן די קאמ, קעגן AIDS."

די ענדיגן די עפידעמיע (ETE) ביילאגע באריכט איז א געשריבענע באריכט וואס שטעלט פאר אן איבערבליק פון די פארגאנגענע פינף יאר פון ניו יארק סטעיט'ס ETE אונטערנעמונגען, און אזוי אויך א סך הכל פון די קאמיוניטי קאמענטארן סעסיעס וועלכע זענען אפגעהאלטן געווארן אין 2020 צו ארויסהעלפן מיטן טרעפן זאכן אויף וואס ETE דארף זיך קאנצעטרירן נאך 2020. די באריכט קען געפונען ווערן [דא](#).

צוליב די היסטארישע און שטארקע סטעיט אפרוף אין לויף פון די לעצטע 36 יאר, האט ניו יארק סטעיט פארשטייטערט די HIV עפידעמיע, ארומדרייענדיג די צענדליגע-יארן-לאנגע פארמערונג אין צאל מענטשן אין ניו יארק סטעיט וועלכע זענען דיאגנאזירט מיט HIV. נייע HIV אינפעקציעס און דיאגנאזעס זענען געווארן פארשטייטערט דורכאויס ETE, אוןביידע זענען אנגעקומען צו רעקארד נידעריגע צאלן אין 2020 מיט 1,467 נייע געשאצטע אינפעקציעס און 1,933 נייע HIV דיאגנאזעס.

די פארשריט וועלכע איז ערגרייכט געווארן דורך ענדיגרן די HIV עפידעמיע באמיאונגען איז נישט געווען גלייך אין אלע גרופעס. פאר מענטשן וועלכע זענען נארוואס דיאגנאזירט געווארן מיט HIV לעצטע יאר, האבן היספאנישע ממענטשן געהאט נייע פאל ראטעס פער 100,000 מענטשן מער פון פיר מאל העכער ווי ווייסע מענטשן. פאר טונקל-הויטיגע/אפריקאנער אמעריקאנער איז די ראטע געווען 8 מאל העכער פון ווייסע מענטשן. די אומגלייכקייטן זענען אויך געזעהן געווארן אין ווייראל סאפּרעשען באהאנדלונגען, מיט בלויז 84% פון טונקל-הויטיגע/אפריקאנער אמעריקאנער מענטשן וועלכע גייען אריבער HIV קעיר באקומענדיג ווייראל סאָפּרעשען אין 2020, אין פארגלייך מיט 88% היספאנישע

מענטשן און 93% פון ווייסע מענטשן. כאטש ווייראל סאַפּרעשען ראטעס זענען געווארן נידעריגער אין אלע ראסעס/אפשטאמען אין HIV קעיר אין 2020 אין פארגלייך צו 2019, דאך איז די פאקט אז די חילוק צווישן ראסעס איז געווארן גרעסער באזונדערס באזארגנד.

אומגלייכקייטן אין באנוץ פון פארמיידונג מאסנאמען (pre-exposure prophylaxis, PrEP) גייען אויך אן, טראץ דעם וואס ניו יארק סטעיט האט די העכסטע ראטע פון אינשורענס דעקונג פאר PrEP אינעם לאנד. מינאריטעט קאמיוניטיס און מענטשן אין נידעריגערע געזעלשאפטליך-עקאנאמישע סטאטוס — צוויי גרופעס וועלכע האבן פיל מער מענטשן אין די גרופעס וועלכע זענען אין סכנה פון HIV, קומען צו צו PrEP אין ראטעס אפאר מאל וויניגער פון ווייסע מענטשן און די פון העכערע געזעלשאפטליך-עקאנאמישע סטאטוס אין פארגלייך צו די נויט וואס איז דא דערפאר. פרויען – באזונדערס טונקל-הויטיגע און היספאנישע פרויען – זענען אויך אין א העכערע סכנה פון באקומען HIV אבער קומען צו צו PrEP אין נידעריגע צאלן ווי אנדערע. די פאקטן ווייזן ארויס דאס אז אריינגעבויטע ראסיזם און אומיושר און אנדערע סארטן דערפון זענען וויכטיגע גורמים פון אומגלייכע געזונטהייט אומשטענדן, טראץ די פארשריט וואס איז געמאכט געווארן אין אלגעמיין.

כאטש ניו יארק סטעיט האט געמאכט געוואלדיגע פארשריט צו ענדיגן די עפידעמיע, האבן די סטעיט און פארנט ליניע פראפעסיאנאלן פארברענגט רוב פון 2020 און אנהויב 2021 זיך אפרופנדיג צו די פרעצעדענטלאזע קאוויד-19 פאנדעמיע, און זיי וועלן פארזעצן צו טוהן אין די נאענטע צוקונפט. פראפעסיאנאלן וועלכע האבן זיך צוגעפאסט צו די נייע צושטאנד און וועלכע האבן געטראפן נייע וועגן צו ברענגען סערוויסעס און שטיצן קליענטן דורכן נוצן טעלע-העלט, HIV היים-טעסטינג קיטס און HIV טעסטינג וואס מען קען דורכדרייוון, נוצן פון רוקעוודיגע לאבארעטאריע סערוויסעס און אזעלכע וועלכע ווערן געברענגט צו פאציענטן אהיים, שטופנדיג פאר דאס אז פאציענטן זאלן אליין נעמען טעסטס און אנדערע אזעלכע באמיאונגען.

כאטש די אפרוף צו די קאוויד-19 פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי פון די סטעיט'ס פובליק געזונטהייט קאמיוניטי איז געווען העלדיש, דאך האט דאס אז די רעסאָרסן זענען אוועקגעדרייט געווארן פאר אנדערע נוצן פארשפעטיגט די ערגרייכונגען פון ETE ציהלן. זינט די אנהויב פון די פאנדעמיע איז געווען א פארמערונג אין HIV פעלער אין געוויסע טיילן פון די סטעיט, א באדייטנדע רעדוקציע אין HIV טעסטינג, א קלענערע צאל פון מענטשן צוקומענדיג צו PrEP, און רעקארד הויכע צאלן פון STI's און אָפּיויד אווערדאָוזעס.

ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו זיין א וועגווייזער פאר אנדערע סטעיטס און האט ארויסגעוויזן באדייטנדע סוקסעס אין ETE-פארבינדענע זאכן מיטן עלימינירן מאמע-צו-קינד אריבערפירונג ( mother-to-child transmission, MTCT) פון HIV. אין 2021 איז NYS נאכגעקומען די ציהל פון עלימינירן MTCT. דאס איז די זיבעטע מאל וואס NYS האט ערגרייכט דאס עלימינירונג פון MTCT (2013 און 2015-2020) און די ערשטע מאל וואס NYS איז נאכגעקומען די ציהל אין זעקס יאר אין א ציה.

ניו יארק סטעיט'ס פראגראמען פאר קעיר פאר מענטשן אן אינשורענס (Uninsured Care Programs) האבן געדינט איבער 24,000 מענטשן וואס האבן בכלל נישט אדער נישט גענוג אינשורענס וועלכע לעבן מיט HIV/AIDS יערליך, דורך א נעטווארק פון איבער 4,500 פראפעסיאנאלן פלאצירט איבער גאנץ NYS. באזונדערס האבן די AIDS דראג הילף פראגראם ( AIDS Drug Assistance Program, ADAP) קליענטן פארגעזעצט צו באקומען סערוויסעס און צו ווייטער אנגיין מיט וויכטיגע רעזולטאטן אריינרעכענענדיג מיט ווייראל לאָוד סאַפּרעשען באהאנדלונג, און זיי האבן אנגעהאלטן מיט די ווייראל לאָוד סאַפּרעשען דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע.

אונזערע סירינדזש אויסטויש פראגראמען (syringe exchange programs), די רוקן ביין פון די סטעיט'ס באמיאונגען צו באקעמפן קראנקייט און אָווערדאָוז האט אריבערגעמאכט קאוויד-19 מיט מערקווירדיגע שטאנדהאפטיגקייט. פראגראם באנוץ איז צוריק ארויף צו די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן בעפאר די פאנדעמיע אין זעקס חודשים און דאן איז עס איבערגעשטיגן די צאל מיט 5%. די ערשטע ניו יארק סטעיט-געספאנסארטע אָווערדאָוז אויפמערקזאמקייט טאג איז אפגעהאלטן געווארן אום סעפטעמבער 9, 2021 אלץ א ווירטואלע געשעעניש צו באעהרן די לעבנס וועלכע זענען פארלוירן געווארן צו אָווערדאָוזעס, און אזוי אויך צו אנערקענען די פערזענליכע און געמיינזאמע עררייכונגען פון די מענטשן און גרופעס וועלכע ארבעטן צו ענדיגן אָווערדאָוזעס. די קאמיוניטי געשעעניש וואו איבער 300 מענטשן האבן זיך באטייליגט איז געווען א געלעגנהייט צוריקצוקוקן אויף די לעבנס וועלכע זענען פארלוירן געווארן און אזוי אויך צו אנערקענען די געוואלדיגע ארבעט וואס ווערט געטוהן אויף די פארנט ליניעס פון די אָפיויד עפידעמיע און צו פארמערן באקאנטשאפט מיט די אנגייענדע וויכטיגקייט פון אָווערדאָוז פארמיידונג.

גאווערנער האקול האט אויך לעצטנס [אונטערגעשריבן היסטארישע געזעצן](#) וועלכע נעמען קריטישע שריט אין די ריכטונג פון באקעמפן די אָפיויד אָווערדאָוז קריזיס. די ענדערונגען וועלן ווייטער רוקן ניו יארק סטעיט אין די ריכטונג פון עררייכן אירע ציהלן צו ענדיגן די עפידעמיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov